בעזהשי"ת

ספר

# יוסף קדישא

דאס לעבן און שאפן פון

הרב הצדיק חסידא ופרישא

**רבי יוסף קדיש קרישבסקי זצ"ל**

**מנקיי הדעת בירושלים**

איבערגעזעצט אויף אידיש

פון ספר "יוסף קדישא" אין לשון הקודש

און צוגעלייגט הוספות

געקליבן און פארפאסט דורך זיין אייניקל

**אשר אהרן קרישבסקי**

פעיה"ק ירושלם תובב"א

שנת תשע"ה לפ"ק

האר אויף די געלט, צו די געלט אויף דעם מענטש... ווייל זיכער זענען דא אסאך גוטע זאכן וואס מען קען אויפטאהן מיט געלט, און דאס איז נאר ווען דער מענטש איז דער האר אויף די געלט.

אזוי זענען די תלמידים, געווען באַהאַפטן צו אים. אויף יעדער קלייניקייט געפרעגט, און נישט געטאהן קיין איין זאך אָן זיין וויסן. נאך די מעשה, האט זיך פאַרענטפערט זייער וואונדער, אז דער הייליגער רבי האט ברוח קדשו געזאגט דעם שמועס פון נסיון העושר מיינענדיג דעם געווינס פון רבי לייב. (ספר "חמדת ראובן", וואס ער האט געהערט פון זיין ברודער רבי משה לייב זצ"ל).

❧

רבי יעקב קרישבסקי זצ"ל האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון זיין טאט'ן רבי משה לייב זצ"ל.

ביי רבי יעקב גע̈לים איז געווען דער שטייגער צו אריין גיין יעדן טאג זעהן, וואס ער קען העלפן ביים הייליגן בריסק'ער רב. איינמאל ווען ער איז אָנגעקומען, דערציילט אים די רעבעצן מיט גרויס פרייד, אז דער רבוש"ע האט געראטעוועט דעם רב פון א שטרויכלונג און מען האט געזעהן אז דער רב פאַרמאָגט רוח הקודש. וואס איז געווען? א איד איז געקומען פרעגן דעם רב, צו ער מעג גיין שבת מיט זיין שטעקן צו זיך אַנהאַלטן. דער רב האט אים געפרעגט צו ער קען גיין אָן א שטעקן.

"ניין!" - איז געווען דער ענטפער.

"אביסל גיין קענט איר אויך נישט אָן דעם, למשל, פונעם בעט ביז צום בענקל?" האט דער בריסק'ער רב געפרעגט. אויף אלעם האט דער איד געענטפערט אז ער קען נישט גיין אָן א שטעקן. דער רב האט אים גע'פסק'נט אז ער מעג גיין מיטן שטעקן שבת. דער איד האט געדאַנקט דעם רב און איז אוועק געגאַנגען.

אינמיטן וועג, האט זיך דער איד דערמאנט, אז ער האט פאַרגעסן זיין שטעקן ביים מהרי"ל אין הויז. ער האט זיך שנעל אומגעקערט צום מהרי"ל'ס הויז, און זיך אנטשולדיגט אז ער האט פאַרגעסן זיין שטעקן. "האסט דאָך מיר אָפּגענאַרט", האט דער רב אים שטרענג אויסגע'מוסר'ט, "ווי אזוי ביסטו געגאַנגען אָן א שטעקן!" פאַרשטייט זיך, אז דער רב האט אים נישט ערלויבט צו גיין מיט דעם שטעקן שבת.



הערנדיג די פאסירונג פון די רעבעצן, איז רבי יעקב מורא'דיג נתפעל געווארן. ער איז אריין צום רב און אים געפרעגט אויפ'ן אפענעם וואונדער, אז עס איז נישט ארויס קיין שטרויכלונג פונעם רב. "מיר האבן א קבלה", האט דער מהרי"ל אים געענטפערט "אז א דיין וואס פסק'נט אָן קיין שום פניה גיבט מען אכטונג פון הימל, ער זאל האבן א סייעתא דשמיא און ח"ו נישט האבן קיין שום שטרויכלונג!"

**מיר ווילן באַטאָנען אז די קבלה פון דעם הייליגן בריסק'ער רב ציט זיך פון דעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע, ווייל זיין טאטע רבי בנימין האט מקבל געווען ביי זיין טאט'ן רבי לייב חסיד פון די גדולי תלמיד הגר"א, רבי לייב חסיד איז געווען דער זוהן פון דעם צדיק וחסיד המקובל אלוקי רבי משה איוויע, וועלכער דער גאון האט אים אנטפלעקט אלס איינע פון די ל"ו צדיקים. אזוי אויך האט רבי בנימין מקבל געווען ביי זיין רבי'ן רבי יואל חסיד פון "אמטשיסלאוו", מחבר פון "חידושי מהרי"ח אויף ששה סדרי משנה, וואס זיין קבלה איז אויך פון דעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע.**

❧

דערציילט אונז דער זוהן פון רבי יעקב זצ"ל יבלח"ט הרה"ג ר' ראובן קרישבסקי שליט"א אין נאמען פון זיין זיידן רבי משה לייב זצ"ל:

ווי עס איז באוואוסט איז דער מהרי"ל געפאָרן פון בריסק קיין ארץ ישראל דורך פראנקרייך און האט זיך צייטווייליג אויפגעהאלטן דארט. אויפ'ן ווייטערדיגן וועג קיין ארץ ישראל, איז ער דורך-געפאָרן טערקיי און זיך דארט אויפגעהאלטן געציילטע טעג ביי אָן אכסניא פון א חשוב'ן רב. אין די אכסניא האט ער געטראָפן א געדרוקטן ספר מיט'ן נאמען "מחנה דן"[25] א מורא'דיגן ביאור אויפ'ן הייליגן זוהר וועלכער איז פאַרפאסט געווארן דורך דעם איש אלקים, הקדוש רבי שמשון פון אוסטראפלא הי"ד זי"ע.

25 מיר וועלן ברענגען עטליכע פונקטן וואס דער געטליכער מאן רבי שמשון מאוסטראפלא הי"ד זי"ע, שרייבט אין זיין ספר "דן ידין", א ביאור אויפ'ן ספר "קרנים" אויפ'ן אינהאלט וואס ווערט געברענגט אין זיין מורא'דיגן חיבור "מחנה דן" אויפ'ן הייליגן "זוהר". נאכן פאַרענדיגן זיין הקדמה אויף דעם ביאור "דן ידין", שרייבט ער: ושאר דברים סתומים ביארתי בספרי הגדול הנקרא "מחנה דן" והוא פירוש על הזוהר. ובספר "בן מנוח" שחיברתי פירוש על האידרות רזין דרזין וסתרין וסתרי פלאות מתורת אלוקינו, ובספרי "נזר אלקים", שמש ומגן", "ושמש נוגה",

דער מהרי"ל האט געטראפן אין דעם ספר מורא'דיגע זאכן, און א גאנצע נאכט האט ער זיך פארטיפט אין דעם. ער איז געווען פול מיט באגייסטערונג און מלא התפעלות פון די מורא'דיגע סודות וואס ער האט אין דעם אנטפלעקט.

זייענדיג אזוי פארטיפט אין דעם ספר, האט דער מהרי"ל איינגעדרעמלט און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער געזעהן אז דער ספר איז פארשוואונדן. ער האט עס געזוכט ארום זוכן איבעראל, אבער דער ספר איז נישט געפונען געווארן. ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער געבעטן פון זיינע תלמידים אויב זיי קענען אים שאפן דעם ספר. די תלמידים האבן עס געזוכט וואו מען האט נאר געקענט, אבער זיי האבן עס נישט געטראפן. דער מהרי"ל האט זיך אפילו געווענדעט קיין חוץ לארץ, און זיך אינטערעסירט אין טערקיי און אין פראנקרייך וועגן דעם ספר וואס איז פארשוואונדן געווארן פון אים. אבער אלע פעולות האבן נישט געהאלפן, און ער האט מער נישט געזעהן דעם ספר.

דער בריסק'ער רב האט זיך דאן אנגערופן, אז פון הימל פארמיידט מען פון אים דעם ספר, ווייל עס שטייט דערין מורא'דיגע סודות פון די גאולה, און מען וויל עס פארהוילן פון אים.

עטליכע ענינים וואס זענען געשטאנען אין ספר, האט דער מהרי"ל דערציילט פאר רבי יעקב געליס. א שאד אז דאס איז פארגעסן געווארן במשך די יארן, אבער איין זאך איז כאטש געבליבן ווי פאלגענד:

"ויזרח שמש", כאשר יבואר כמה פעמים בחיבורי. צווישן די שורות פון זיין הייליגן ביאור "דן ידין" דערמאנט ער אז ער האט אנטפלעקט אין דעם ביאור מורא'דיגע סודות: ועיין בספרי מחנה דן ותראה פלאות, (מאמר ב). בספרי מחנה דן עניינים נוראים נפלאים תראה משם בעזהש"י. תבין הדברים כהווייתן ופשוטן חלילה וחס ורזי דרזין גדולות עיין בס' מחנה דן, (מאמר ו). ועיין רזין עילאין ופלאים בספרי מחנה דן בפרשת בראשית וע"ש. ויש לזה סוד גדול עיין מחנה דן. ובספרי מחנה דן סודו הגדול והבן, (מאמר ח). בזה רזין דרזין עיין מחנה דן כי שם תמצא מבוקשך בעזה"י הקדושה, (מאמר ט). אסור לגלותם כלל, (מאמר י). וסוד זה עמוק מאוד ואסור לגלותו ועיין מחנה דן שאמר הקדוש הרי הסתום, (מאמר יא). ועיין פלאות גדולות ונוראות בספר מחנה דן, (מאמר יד).



ווען טערקיי וועט פארלאזן איר הערשאפט פון ארץ ישראל, וועט ענגלאנד עס איבער נעמען צו הערשן, אזוי איז טאקע געווען אין יאר תרע"ד איז אריין די בריטישע רעגירונג אין א"י. און שפעטער וועט ענגלאנד דאס אויך אפלאזן, אזוי איז געווען אין יאר תש"ח. און ווען דער "רוס" וועט שטיין אין טערקיי ביי די "מיצרי הדארדענעלין", און וועט וועלן איבערנעמען די הערשאפט אויף ארץ ישראל, וועט מען זיך קענען באקליידן מיט יום טוב'דיגע קליידער לכבוד משיח צדקנו, בב"א[26].

26 וועגן דעם ספר "מחנה דן" איז באוואוסט אויף נאך פון גדולי ישראל, וואס האבן עס שטארק געזוכט. דער הייליגער ריזשנ'ער, האט געהאט א קבלה ביז דעם מגיד פון מעזריטש אין נאמען פון דעם הייליגן בעש"ט, אז ווען כלל ישראל וואלטן געלערנט דעם הייליגן "זוהר" מיטן פירוש "מחנה דן" וואלט זיך דערנענטערט די טריט פון משיח צדקנו, נאר בעוה"ר האבן מיר נישט זוכה געווען צו דעם. און אזוי ווערט געברענגט ווי פאלגענד: ...ובענין גדולת המקובל הגה"ק רבינו שמשון פון אוסטראפלא זי"ע, שמעתי מחותני הרה"ח ז"ל שפעם אחת היה "בסדיגורא" אצל הרה"ק רבי אברהם יעקב וביקשו אותו בני הרה"ק הנ"ל שישתדל למצוא הספר "מחנה דן" מהמקובל הנ"ל כי הם ידעו אשר "אוסטראפלא" לא רחוק היא ממושב חותני, עיר "קאנסטנטין-ישן", כאשר בא לביתו היה משתדל בזה וכתב הרבה מכתבים לרבנים שבסביבה לחפש אחר ספר זה והיה מבטיח לכל מוצאו שלשה אלף ריינוש, כי כן הבטיח בני הרה"ק מסאדיגורא אם יהיו מוצאים הספר או כתב ידו, וכל הרבנים השיבו אחת שאינו בנמצא, ואח"כ שבא פעם שניה לסאדיגורא ואמר שקיבל תשובה מכל הרבנים שבאוסטראפלא ומהסביבה שאין הספר זה בנמצא בשום אופן – אז ענה לחותני, הרה"ק רבי נחום בער, שיש להם בקבלה מזקינם הרב המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע, ששמע מרבו הבעש"ט שאילו זכו בני ישראל ללמוד ספר הזהר עם פירוש "מחנה דן" מהר"ש מאוסטראפאלא, היו מקרבים בזה קץ הגאולה וביאת המשיח אלא שלא זכו ישראל בעוה"ר, ומפני זה נאבד הספר מהעולם. דער בעל "שומרי אמונים" ברענגט אין זיינע ספרים ווי פאלגענד: ואחרון הגדול מכל רבינו הק' ר' שמשון מאוסטראפלא זי"ע אשר חיבר סה"ק מחנה דן ברזין פלאין ונשגבים על כל דבר מדברי רז"ל באגדותיהם הפלא ופלא דברים שלא שמעתן האוזן שקיבל מפומא דאליהו ואשר נגלה לו ממתיבתא דרקיעא, אבל בעוה"ר לא זכינו שיצא לאור זה החיבור וכפי הנשמע ומקובל בעולם שנדפס פ"א ופתאום נאבדו כולם ולא נשאר גם אחד, כי לא הי' העולם כדאי להשתמש